493436

BINEVESTITORUL

# המבשר

א בלאט וועגן רעליגיאן און מאראל.

„מה נאוו על ההרים רגלי מבשר
משמיע שלום, מבשר טוב ומשמיע
ישועה...
(ישעיה נ״ב, 7).

לכו אל־כל־העולם וקראו את
הבשורה לכל־הבריאה...
(ברית ההדשה: מרק. ט״ז 16).

„ווי ליבליך זענען אויף די בערג,
די פיס פון די מבשרים, וואס גיבן
צו הערן וועגן שלום, פרעדיגן גוטעס
גיבן צו הערן די ישועה...״
(ישעיה נ״ב 7).

„געהט אין דער גאנצער וועלט
און זאגט די בשורה אללע קרעד־
אטור...״
(כרית החדשה: מרק ט״ז 16).

קישינעוו. 1928. No. 11—12.

BCU Cluj / Central University Library Cluj

## איינהאלט:

1. דאס איילענדע לעבן.
2. א נצחון איבער די צווייפלונגען (ספקות).
3. די רייזע...

## דאס איילענדע לעבן.

„כי גז חיש ונעפה„ (תהל״ צ׳)

ווידער א יאהר צום סוף געקומען. ניט אלע וואונשען זענען ערפילט, ניט אין פערזענלעכ׳ן לעבן, ניט אין אונזער פאלקס לעבן. אפשר איז אונזער מדרגה נאך שלימער ווי זי איז געוועהן. כאטשע אין אלע לענדער שרייען אונזערע אידן, גלייך ווי די אנדערע, (און אמאל נאך מעהרער) וועגן רעכט, וועגן פארבעסערונג, נאר, ווי ס׳זעהט אויס, דער איד איז נעביך דער זעלבער גלות־איד און די באנעהמונג צו אים איז די זעלבע. ווידער רדיפות, ווידער אנטיסעמיטיזם וכדמה, ניט די נייע ערפינדונגען אין וויסענשאפט, ניט די נייע פארשידענע אידעען און פאליטישע באוועגונגען ברענגען א רפואה פאר דער מכה פון דעם אידישן פאלק. מיר שטעהן ווידער פאר דער פראגע: וואס וואַרטעט אויף אונז אין דעם קומענדען יאהר? די מענשען זיינען שוין מיד און אפגעשוואכט פון שעהנע פראזן און זעלבסט־בעטויבינגע פראבלעמען. „מאין יבוא עזרי?״ פון וואנעט וועט קומען מיין הילף? דער ענטפער איז אויך דארט אין דעם זעלבן קאפיטל ר״תהלים (קכ״א). „עזרי מאם יהוה עושה שמים וארץ״, די

הילף איז פון גאט אליין. ביז ישראל האט נאך ניט אנערקענט אז אלע מענשליכע מיטעל וועלן ניט העלפען, ווי ס'איז געזאגט „רפאות תעלה אין לך" (ירמיל) וועט תמיד אזוי זיין שלעכט און פינסטער אין אונז און ארום אונז. ישראל וועט נאר דענסמאלט מצליח זיין, ווען ער וועט נעמען מיט אמונה די הילף, וואס גאט האט איהם געגיבן דורך דעם, וועלכער איז פון אונזער פאלק ארויס געקומען און האט זיך דערנעווינט צו גאט כדי צו זיין א מפגיע, א פערמיטלער, צווישן אונז און גאט כדי אונז פריי צו מאכן פון זינד און אונז ווידער אויפשטעלן אויף דער אויבער מדרגה אלס גאטס פאלק, והיה אדירו ממנו ומשלו מקרבו יצא והקרבתיו ונגש אלי כי מי הוא־זה ערב את לבו לגשת אלי נאם יהוה. והייתם לי לעם ואנכי אהיה לכם לאלהים (ירמיה, ל׳).

אונזער וואונש איז אז ס'זאל ערשיינן דער אמת פון דעם משיח יהודי, פון ישוע הנצרי, פאר א סך פון אחינו בני ישראל. ער איז די קרוין פון לעבן פאר יעדן יחיד און פאר כל ישראל. ער איז בכוח אויסצוהיילן די אידישע נשמה און טרייסטן דאס הארץ פון דעם מענשען, ווייל גאט האט אים געשיקט "לחבש לנשברי לב, לקרא לשבוים דרור ולאסורים פקח קוח" (ישע' ס"א). יעדער זינדער געפינט ביי איהם בעפרייהונג פון דער זינד און קען דורך איהם בעקומען פרישע קראפט צום לעבן, צו א ריינ, הייליג לעבן.

ל. אווערבאך.

# א נצחון איבער די צווייפלונגען (ספקות).

א אייפריגער משיחי האט זיך געפלייסט צו ברענגען א יונגען מאן צום משיח. דעם יונגען מאן האט זיך נישט געגלויבט אז ישוע המשיח וועט אים אננעמען. זיין גוטער פריינד האט אים אנגעוויזן אויף דעם פסוק וואס דער משיח זאגט: „ווער עס קומט צו מיר, וועל איך ניט ארויסטרייבן", און פרייגט אים: „גלויבסט דו אז דער משיח האט דאס געזאגט?"

„אפשר האט ער עס געזאגט".

„אפשר האט ער געזאגט! אבער גלויבסט דו?

„איך וואלט געוואלט גלויבען".

„איך וואלט געוואלט גלויבן! אבער גלויבסט דו? טו דו דאס, וואס פון דיין זייט איז צו טון און דער משיח וועט טון דאס, וואס ער דארף טון. קום, אזוי ווי דו ביזט צום משיח, און ער וועט דיך ניט ארויסטרייבן".

לכתחלה האט זיך אויסגעוויזן אז דער יונגער מאן פארשטעהט עס ניט, נאר אין איין קליינער ווילע ארום האט דאס ליכט פון גאט אריינגעשיינט צו אים אין הארצן אריין און ער האט צוזאמען מיט זיין פריינד געקניעט און האט זיך איבערגעגיבן צו ישוען. דעמאלסט האט דער גוטער פריינד אים געזאגט:

„איצט, זאלסט דו נישט מיינען אז דו ביזט ארויס פון דעם שטן'ס טעריטאריום אהן א שום שוועריגקייט. זיי וויסן, אז דער שטן וועט צו דיר קומען מארגן אין דער פרי און וועט דיך אריינווארפן אין ספק כדי זאלסט נישט זיין זיכער, אז דער משיח האט דיך אויפגינומען. ווען ער וועט דיזעס אנהייבן, זאלסט דו דיך ניט שטעלן א קעגן אים מיט דיינע אייגענע אידעען און חכמה נאר שטעל זיך אים א קעגן מיט דעם „שווערד פון דעם רוח" בענוץ דעם פסק פון דעם יעוואנגעליום יוחנן (37, 6) „ווער עס קומט צו מיר, טרייב איך ניט ארויס".

דער יונגער מאן איז אוועקגעפארן א היים. אויף דעם וועג ארום נאך האלבער נאכט הייבט אים אן דער שטן צו אטאקירן. דער יונגער מאן האט באלד בענוצט דעם פסוק, אבער דער שטן האט אים אריינגעשיקט אזעלכן געדאנק:

„פון וואנען ווייסט דו אז משיח האט גאר עפיס א מאל געזאגט, אז ער נעמט אויף יעדערן? אפשר האט געגרייזט דער איבערזעצער"? דער יונגער מאן איז ווידער אריינגעפאלן אין פינס־טערניס. ער איז געווען אומרוהיג כמעט ביז צום אנדערן אין דער פרי. נאך דעם איז ער גע־

BCU Cluj / Central University Library Cluj

קומען צו דיעזן ענטשלוס: „אויף יעדן אויפן וויל איך דאך גלויבן. און ווען ס׳איז נישט אמת וועל איך אין עולם הבא זאגען צו גאט ב"ה, אז ניט איך האב געמאכט א גראַז־נאר דער איבערזעצער האט געפעהלט".

איבערזעצט פון רומייניש

פון אפרים פייגין.

# די רייזע קיין אמעריקע

## פון ל. און מ. אווערבאך

(פארטזעצונג).

באשרייבענדיג ווייטער אונזער רייזע, קען איך פון טיפעניש פון דעם הארצן דאנקען גאט פאר זיין גרויס רחמנות וואס ער האט צו די מענשען. זעהנדיג אויף דער שיף ווי די מענשען געפינען זיך אין א סכנה, און נעמען דאך ניט אויף קיין מוסר און זינדיגן ווייטער, דאכט זיך אז האט־האט וועט אויסברעכן גאט׳ס גערעכטער משפט און מיר וועלן אלע דערטרינקען ווערן אין דעם ים, ווארים „דער לוין פין דער זינד איז דער טויט" (הנפש החטאת היא תמות). אבער גאט וואס איז פיל מיט ליבע, וויל ניט דעם טויט פין דעם רשע. אלס אל רחום וחנון ארך אפיים, האט ער געגיבן דאס מעגליכקייט די רייזענדע זאלן האבן צייט זיך אומציקעהרן צו גאט און האט זיי ניט אומגעבראכט.

אויף דעם צעהנטן טאג האבן מיר זיך אנגעהויבן צי דערנעהנטען צי ניו־יארק. דאס איז געווען פריה־מארגן. פין דער ווייטענס האט זיך שוין אנגעזעהן די סטאטוע „פרייהייט", וואס שטעלט פאר מיט זיך די פיגור פון א פרוי מיט א אויסגעשטרעקטע האנד, אויסזעהנדיג ווי זי באגריסט די אנקימענדע פאססאזשירן. די שטראלן פון דער אויפגעהענדיגער זוהן האט באגאסן מיט ליכט די פיעל־שטאקענדיגע הייזער פין דער שטאדט, וועלכע פון דער ווייטענס האבען אויסגעוויזן אזוי ווי גיגאנטן פון א קאלאסאלער הויך. אלע רייזענדע זענען ארויס פון זייערע קאבינעס און האבן באווינדערט די שעהנע בילדער וועלכע האבן זיך אויפגידעקט פאר די אויגען.

מיך און מיין פרוי האט אינטערעסירט א שעהן ווינקעל, לינקס פין דער סטאטוע „פרייהייט". דאס איז געווען א קליינער אינזעל אויף וועלכען עס איז געווען גרויסע מויערן און ארימגערינגעלט מיט א גרינעם פליוש פין גראז. נאך א צעהנ־טאגעדיגער רייזע אין די כוואליעס פין דעם ים האט דאס ווינקעלע אויסגעזעהן נאך מעהר שעהן אין צוציהענדיג. פין דעם קליינעם אינזעל וועלן מיר נאך רעדן ווייטער.

אונזער שיף האט אנגעהויבן זיך דערנעווינטען צום ברעג. יעדער מינוט האט אויסגעוויזן א שעה. ס׳האט זיך שוין זעהר געגליסט צי שטעלן די פיס אויף דער ערד. ביי אייניגע פון די פאססאזשירן, וועלכע האבן בעדארפט באגעגענען זייערע עלטערן אדער זייערע קינדער אדער די פרוי, מיט וועלכע זיי האבן זיך א לאנגע צייט ניט געזעהן, איז געווען צו בעמערקן א שפאנינדע ווארטונג ביז די שיף איז געקומען צום ברעג.

איך האב געקענט אויף דער שיף א פאמיליע, א מיטער מיט צוויי קינדער, וועלכע זענען געפאהרן צו זעהר פאטער, וועלכער איז שוין 16-17 יאהר אין אמעריקע. די קינדער זענען געווען קליינינקע, ווען זייער פאטער האט זיי פארלאסט און זיי האבן אפילו אים ניט געקענט. זיי האבן נאר געהאט דעם פאטערס פאטאגראפיע און האבן אלץ געזאגט: „וועלן מיר דערקענען אונזער פאטער?" אזעלכע און אנדערע סצענעס זענען געווען זעהר ריהרענד! און וואלט איהר געגעבן א קוק וואס ס׳האט זיך געטוהן, ווען די שיף איז לאנגזאם ציגעשווימען צום ברעג. די מענשען וואס זענען געווען אויף דעם ברעג האבן אונז באגריסט מיט האנד־טיכלעך. הוטן און ד. ג. אויך די רייזענדע פון דער שיף האבן געענטפערט מיט דעם זעלבן. נאך דעם האבן אנגעהויבן קולות פון באגריסונגס־געשרייען.

דאס אלעס גיבט אונז, גלויביגע, א בילד פון אונזער קומען צום ציעל, ווען מיר וועלן צושווימען צום ברעג פון עביגקייט נאך דער שוועהרער רייזע אויף דעם לעבענ׳ס־ים. וואס פאר א ווינדערבארע באגעגעניש וועט זיין אין

אברהם׳ס שויס מיט די וועלכע האבן נאכ־
געפאלגט דעם שה האלהים, נאך דעם משיח, ווי
וועלן מיר זיך פרעהן מיט די הייליגע און מיט
דעם, „אויף וועלכען מיר האבן געהאפט“, די
פרייד וועט זיין אהן איין עק, לעולמי עולמים.

דאנקען גאט, וואס מיר קענען שוין דא
געניסן די הימעלשע פרייד. אפילו ווען מ׳דארף
אביסל האבן צער פון פארשידענע פריוואונגען,
כדי די געפריווטע גלויבע, וואס איז פיעל
טייערער ווי דאס גאלד..., זאל געפינען ווערן
צו לויב און כבוד אין דער אנטפלעקונג פון
ישוע המשיח, וועלכן מיר ליבן כאטש מיר האבן
איהם ניט געזעהן, און ווי ס׳איז געזאגט: איהר
גלויבט אין איהם כאטשע איהר זעהט איהם ניט
אצינד, און איהר פרייט אייך מיט א הערליכע
פרייד וואס קען ניט אויסגערעדט ווערן, דער־
גרייכענדיג דעם תכלית פון אייער גלויבן, די
רעטונג פון אייערע נשמות.

(1 בר· פעטרוס 6־9)

נאר אט איז דער לעצטער און שטרענגער
קאנטראל און משפט פאר דעם איינטרעטן אין
לאנד. וועגן דעם אויף איין אנדער מאהל.


# אין זאאל „בית־אל“, קישינעוו

מיעסטשאנסקאיא — (str. Wl. Herţ. 10)

## דרשות און געזאנג וועגן גאט׳ס ליבע

יעדן שבת 3 א זייגער און 6 א זייגער אבענד

יעדן זונטאג 7 א זייגער

די דרשות ווערן אויך אילוסטרירט מיט ליכט־בילדער.

געזאנג מיט אקקאמפאנימענט פוסגארמאניום און אנדערע אינסטרומענטן.

אין זאאל „בית־אל“ איז אויך צו בעקומען חמשים תנ״ך, און אנדערע
רעליגיעזע ביכער אויף זשארגאן, לשון־קודש, רוסיש, רומייניש.



אבאנאמענטן פרייז: — יאהרליך 12 לעי, ½ יאהר 6 לעי.

אלע אבאנענטן ערהאלטן די „ציונ׳ס-לידער“ אומזיסט.

פאר אנדערע שטייט מיט 1 לעי מעהר

Adresa: Redacţia „Binevestitorul“ Expedit. Marcu Tarlev.
str. Vl. Herţ. 10. Chişinău—Basarabia.

Redacţia şi Administraţia: Misiom. Englez. „Mildmay“, L. Awerbuch

# נייע ציונ׳ס־לידער

פון מרים אווערבאך.

No. 1

## אהבה רבה

(Swecter as the Jears go By)

1. די ליב פון מיין ישוע
קען מכפר זיין די זינד,
א, גרויס, יא גרויס זיין חסד,
איך קען זיין גאט׳ס א קינד.
ווי טיעף און גרויס דאס רחמנות,
א, ברייטער ווי דער ים,
און, הויכער ווי די הימלען
און העל ווי זונענשיין.

כ א ר:
גרויס, א, גרויס דעם גואל׳ס ליב
טויטע קען זי וועקען
און פאריאגט די שרעקען
גרויס, א, גרויס דעם גואל׳ס ליב.

2. געקומען פון גן־עדן
איז ער אויף דיזער ערד,
אז ער זאל רעטען זינדער,
מיר זענען דאס ניט ווערט;
צובראכ׳נע הערצער היילט ער,
די בלינדע שיינקט ער ליכט
אויך היינט נאך איז ער מעכטיג,
קען ראטעווען אויך דיך.

3. געבענשט איז אונזער חלק,
געלויבט דער שטארקער גאט,
ער שיינקט אונז גרויסע שמחה,
פיל ליב פאר אונז ער האט.
דאס ליד פון ליב זאל קלינגען,
דער שיינער לויב־געזאנג,
מיר וועלען פרעהליך זינגען
דאס גאנצע לעבען לאנג.

No. 2

## גאט׳ס סאלדאטען.

(„Press onward", Hymns of Praise 112)

1. מיר זענען גאט׳ס סאלדאטען,
מלחמה האלטען מיר
דער פיינד האט גרויסען כח,
דאך זיגען וועלען מיר.
מיט אונז געהט דער אל גבור,
ער העלפט אין יעדעם שטרייט
און איז איהם מנצח,
סאלדאטען, פארווערטס געהט.

כ א ר:
נאר פארווערטס, פארווערטס!
די קרוין איז צוגעגרייט
נאר פארווערטס, פארווערטס,
גבורים גרויסע זייט!
נאר פארווערטס, פארווערטס!
מיר האבען גרויסע פרייד:
ישוע דער אל גבור
געווינט פאר אונז דעם שטרייט.

2. מיר זיינען גאט׳ס סאלדאטען,
ס׳איז אונזער גרעסטעס גליק
מיט גאט נאר געהן מיר פארווערטס
קיין איינציג שריט צוריק.
ווען וואלקען אונז פארדונקלען
דעם העלען זונען־שיין
אונז שיינט גאט׳ס הייליג פנים,
מיר זיינען ניט אליין.

3. מיר זענען גאט׳ס סאלדאטען,
מיר מוזען פארווערטס געהן,
דער מויער פון יריחו
קען דא ניט לענגער שטעהן.
דער שטארקער פיינד מוז פליהען,
זיין כח איז צו קליין,
מיט אונז איז דער אל־גבור
און וועט אויך תמיד זיין!

BCU Cluj / Central University Library Cluj

No. 3

## ממעקים קראתיך יה.

(Melodie: „Aus tiefer Not" von Gebhardt)

1. פון טיפער נויט שריי איך צו דיר,
א, הער דאך מיין געוויין
מיין גאט, בארמהערציגער, ענטפער מיר;
צו דיר נאר קען איך שרייען
מיך דריקען מיינע שווערע זינדען,
איך קען קיין ארט פון רוה געפינען
דאס גאנצע לעבען מיינס איז נויט,
פון אלע זייטען שרעקט דער טויט.

2. מיין גאט! פול חסד און פול חן,
א, זיי מיר מוחל מיינע זינדען!
נאר דו אליין קענסט מיך בעפרייען
פון קייטען וואס מיך בינדען,
מיין גאט, א, גרויס איז דיין רחמנות
אויף ארמע זינדיגע נשמות
איך בעט דיך, פאטער, העלף אויך מיר
פון טיפער נויט איך שריי צו דיר.

3. וואס איז מיין לעבען דען אהן דיר?
א, מדבר־הייס צום שטארבען,
אזוי מיין נפש שטארבט אין מיר,
א, שוץ מיך פון פארדארבען;
דערקוויק מיין טרויעריגע נשמה
און שיק דיין הימלישע נחמה,
זאל לייכטען, האר, דיין פנים מיר
פון טיפער נויט איך שריי צו דיר.

No. 4

* * *

Melodie: Reichslieder 58.

1. אט זעהט איר דא א שענעם בוים,
גרין זיינע צווייגליך זענען.
ער איז צופרידען דא צו שטעהן,
אז אלע זאלען אים נאר זעהן,
ווי זיינע לעכטלעך ברענען (2 מאל),
יא, ברענען.

2. דערצעהלען וויל דער גרינער בוים,
א גרויסע בשורה טובה:
בית־לחם איז די קליינע שטאט,
וואס היינט א גרויסע שמחה האט,
משיח איז געבוירען (2 מאל),
געבוירען.

3. ווען חושך האט די וועלט בעדעקט,
איז אונז א קינד געבוירען
אין יענער וואונדערבארער נאכט
איז שלום אויף דער ערד געבראכט,
משיח איז געבוירען (2 מאל),
געבוירען.

BCU Cluj / Central University Library Cluj

4. מקיים איז זיין הייליג ווארט
דער גאט פון אונזערע אבות,
מיר זענען אלע עדות דא
און ווינשען אייך א גוטע שעה,
איהר זאלט דעם אמת גלויבן (2 מאל),
יא, גלויבען.

No. 5

## דער פריינד.

(Saved, Saved)

1. איך האב א פריינד וואס איז עביג מיין,
זיין ליבע איז תמיד טריי.
איך וויל דערצעהלען פאר גרויס און קליין
זיין קרבן מאכט פון זינדען פריי.

כאר:
איך בין דערלעהזט פון זינד,
בין יעצט דעם פאטער׳ס קינד,
לעבען פול פרייד און דאס הארץ איז באנייט,
ווייל איך בין דערלעהזט.

2. איך בין דערלייזט פון דעם יום הדין,
מיין נפש רוהט אין גאט.
אין זיינע הענט איך געצייכענט בין,
בערייט איין ארט פאר מיר ער האט.

3. ווען איך ווער שוואך, ווען די נויט מיך דריקט,
איך האב וואוהין צו געהן,
מיין אויג דעם טייערען פריינד דערבליקט
ער קען מיך תמיד גוט פארשטעהן.